STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01425

IN PODRAD

Samuel Hurwitz

Permanent preservation of this book was made possible
by Lynn & Mary Jawitz
in memory of
Thelma Toby Gorin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „לעבען און וויסענשאפט“
(ווילנא, ווארשא, ניויארק)

ש. הורוויץ (א. ליטווין).

אין פּאדראַד

(פּאעמא).

№ 1

1909.

פּונ׳ם זעלבען או׳טאר:

I. פון חדר׳ש׳ן פּנקס.

(כּתבים פון אַ ליטווישען יונגעל).

1. „אסתר תענית“; 2. די טײַך שפּיעלט; 3. ל״ג בעומר אין וואַלד; 4. דער נביא אויף דער רעמיזשע, אָדער די געשיכטע פון מײַן בלעכענער לאַנ־טערנע; 5. „עוג מלך הבשן“; 6. אויף די פּלישתים! 7. „בולקעס“ מפּלה, 8. מײַן רבי שמעון ישׂראל; 9. די סכּה; 10. דער „פּטום“; 11. נאָך הושענות; 12. שׂמחת תּורה אויפ׳ן ברעג; 13. „בורבאָן“; 14. די ערשטע „עבֿרה“; 15. דער פונדאַמענט טרײסעלט זיך. פערלאַג „די וועלט“. פּרײַז 30 קאָפּ.

II. אין דער נייער היים.

(בילדער פון ניו־יאָרקער געטאָ).

1. „קעצעלע“; 2. „בולקע“; 3. יעהאָר דער מרחוק־גוי אין אַמעריקע; 4. דער קוינער יענקי; 5. די „פּאָפּיטע“; 6. פון יאַטקע גאַס אין „עסיג“־סטריט; 7. דער „פּאָרטעל־מאַכער“; 8. פאַר וואָס?.. 9. און איהר האָט שטאַרק פעררדראָ־סען... 10. די ירושה פון איהר מאַן; 11. אַ היים צו די סדרים; 12. ברוגז... 13. זײַנע צווײ טעכטער; 14. דער ראָמאַן פון אַ „פּיקטשור“. פערלאַג „די וועלט“. פּרײַז 30 קאָפּ.

III. אין א־בייט און נויט.

(ליעדער).

1. פאַר וועמען איך זינג; 2. דער מוליער; 3. די נייטערקעס; 4. די זאָקענמאַכערקעס; 5. די שנײַדערקעס; 6. די בלײַערנע אַרמעע; 7. די ערשטע שוואַלב; 8. דער שנײַדער־יונג; 9. דער שוסטער; 10. די טרוקענע ביינער. 11. ענג און פינסטער (נאָך ניקיטין); 12. מײַן ליעדעל (נאָך אוקראַאינקאַ); 13. עס ברענט אין מײַן ביזעם (נאָך אוקראַאינקאַ); 14. היילזאַמע טרערין; 15. די פעלד־בלום; 16. אַ פאָלק פון גבורים; 17. אין אַלבום; 18. דער אַלטער מאַנדעמניק; 19. אין אַ דונקעלע נאַכט; 20. דער קבצן הוליעט (אַ שׂמחת־תּורה־ליעדעל); 21. זשאַמעלע (נאָך נעקראַסאָוו׳ס „קאַליסטראַטושקאַ“); 22. בלעם און זײַן אייזעל (אַ מעשׂה׳לע פון חומש).

אויס ביאַליק.

1. אַ ליעד — אַ יתומה; 2. פריהלינגס־שריט; 3. אין אַ זומער־טאָג; 4. תּקון־חצות; 5. קומענדיג אַ היים; 6. תּלמוד־לעגענדע. פערלאַג די „וועלט“, פּרײַז 40 ק.

פערלאג „לעבען און וויסענשאַפט"
(ווילנא, ווארשא, ניו־יאָרק)

ש. הורוויץ (א. ליטווין)

אין פּאָדראַד

(פּאעמא)

ווילנא 1909

Въ подрядѣ.
Поэма
Соч. С. ГУРВИЧА.

Набрано въ тип. Б. А. КЛЕЦКИНА Завальная 33.
Печатано въ типографіи НОВИЦКАГО.

אַ הוּק, אַ סטוּק, אַ האַפּענעס,
אַ לויפענעס, אַ קלאַפּענעס,
מען האַוועט, שרייַט, מען אַמפּערט זיך
עס טרייסלען זיך די ווענד...
אוי זאָגט מיר, זאָגט מיר, אידעלעך;
וואָס איז דאָס פאַר אַנ׳אָנגעלאַף?
וואָס יאָגט מען זיך? וואָס קאָכט מען זיך?
וואָס שרייַט מען, און מען גוואַלדעוועט?
צו האָט זיך ווער געשאָסען דאָ?
צי האָט זיך ווער געהאַנגען דאָ?
צי האָט זיך ערגעץ אָנגעכאַפּט?
אוי, זאָגט מיר, זאָגט מיר, אידעלעך,
דערציילט אויף גיך: וואו ברענט?
— עי, דולט אַ קאָפּ ניט — פּעטערקע!
פון וואַנען קומט איהר, פאָהרט איהר אָן?
פון פויזען? פון כאַנדריקעווע?
איהר זעהט ניט? האָט קיין אויגען ניט?
ביי אונז אין געסיל שיסט זיך ניט,
ביי אונז אין געסיל הענגט זיך ניט
קיין כשר אידעש קינד...
עס ברענט, אָבער קיין שרפה ניט,
עס ברענט די ערשטע אויוען דאָ —
עס ברענט די אַרבייַט מורא׳דיג,
עס קלאַפּען דאָ די קאַצעלקעס,
עס רודערן די רעדלער דאָ,

די וואַסערגיסער, מעהלשיטער,
דער זעצער אין די קנעטערקעס,
עס הידזשען דאָ די וועלגערקעס,
די ווייבערלעך און מיידעלעך,
מיט זיי די בעל־הבית'טעצקעס,
די קרעמערקעס פֿון ראַד;
עס ברענט די אַרבייט שטורעמדיג,
עס פֿלאַמט דער אויווען מורא'דיג,
וואָרום דאָ איז, פֿערשטעהט איהר מיך,
פֿערשטעהט איהר מיך, אוי, פֿעטערקע,
אַ אידישער פּאָראַד...

אַנ'ענדיק קומט — אַ שכן דאָ,
קאַראַלען, קראָפּ, ווי קעסעל בלאָה;
ער בלאָזט זיך אָן און וואַרפֿט אַריין
אין טומעל אויך זיין האָלדער־ד...דה,
און געהט זיך מיט זיין פּלונית'טע,
די כּשר־פֿרומע ענדעצקע,
אַריבער אָן אַ זייט...
אַ באָק קומט אויך צו שפּרינגען דאָ
און גלאָצט אויס זיינע נאַרעשע
פּאָר אויגען אין פּאָראַד אַריין,
און גיט אַ פֿירק, אַ בריקעווע,
אַ טרייסעל מיט דער בערדעלע,
און לאָזט צום שוועל זיך נעהענטער,
דאָרט האָט אַ ביסעל פּסח־מעהל
פֿערשאָטען זיך; ער גיט אַ שמעק
און קלייבט זיך שוין אַ נאַש צו טאָן,

בעקומט אָבער פֿון אינזועגדיג
אַ פליוך, מיט וואַסער אָבגענעצט,
און גיט צוריק אַ בריקעווע
דערשראָקען, און עס קלינגט איהם נאָך
אַ כאַ—כאַ—כאַ! אַ הילכיגער
פֿון די פאַדראַדנע לייט.

און נאָכ'ן באָק קומט גאוה'דיג,
מיט קאַם און שפּאָרען טרייסלענדיג,
און ביזע קוקען וואַרפֿענדיג,
אין רעכטער זייט, אין לינקער זייט
אַ גאַלעגוצקעס האָהן.
ער שטעלט די פּאָלקעס אימ'הדיג,
פֿערדרייסט דעם קאָפּ און ביזערט זי —
אַן'עכטער גענעראַל!
ער געדהט פֿאָראויס און הינטער איהם
אַ האַלבע טוצענד קעבסווייבער:
אַ ראַבע הוהן, אַ שוואַרצע הוהן,
צוויי געלע, צוויי געשפּרינקעלטע;
זיי שלעפּען זיך דרך ארץ'דיג
איהם נאָך און קוואָקצען צערטעלדיג,
צום טאַקט נאָך זיין כאָ־כאָ!...
זיי קומען אַלע נעהענטער
און קוקען אין פּאָדראַד אַריין;
זיי בלייבען דאָ אַנ'אויגענבליק,
צוטומעלט פֿון דעם גוואַלדעווען
און לאָזען זיך צושראָקענע,
אין אַלע זייטען פֿליהענדיג,

װאוּהִין דִי אוֹיגֶען טְרָאגֶען זַיי,
הֶעט... הֶעט, אַז צוּ דֶעם זֶעקסטֶען הוֹיף.
עֶרשׁט דָארט אַרוּם דֶעם זִיבֶּערֶען,
דֶעם הַיימִישׁ־לִיעבֶּען מִיסטקאַסטֶען —
דָארט הָאבֶּען זַיי זִיךְ אָבּגֶעשׁטֶעלט,
בֶּערוּהִיגט זִיךְ פוּן שׁרֶעק.

———

אַ װעֶק דֶער הָאהן, נָאךְ אִיהם קוּמט אָן
אַ חבֿרה װָארָאבֶּייטשִׁיקֶעס —
אַ װדאַי הוּנדֶערט שׁטִיק!
מִיט כּלי־זמר, זִינגֶער, טֶענצֶערקֶעס,
זַיי הָאבֶּען אוֹיף אַ בּוֹים נִיט װײַט
גֶעפּרָאוֶועט דָא אַ חתונה,
זִיךְ אָנגֶעהוּלִיעט, אָנגֶעטאַנצט...
אוּן פּלוּצלוּנג הָאט אַ שׁמשׁ זַיי,
אַ קלֵיינֶער װָארָאבֶּייטשִׁיקֶעל,
דֶערצֶעהלט, אַז דָא אִין שׁכנה׳שאַפט,
אִיז אוֹיךְ עֶפִּיס אַ שׂמחה׳לֶע,
מֶען לִיאַרֶעמט אוּן מֶען גװאַלדֶעװעֶט,
אַז ס׳קֶעהרט זִיךְ גָאר דִי װעֶלט...
גֶעװִיס — אַ צװײטֶע חתונה...
אוּן — הַאִידאַ! אַלֶע חבֿרה־לײַט
פוּן בּוֹים אַרָאבּ: טשִׁירִי... טשִׁירִי...
אוּן מִיט דִי כּלי זמר, האַק אוּן פּאַק
אַ װעֶקגֶעלָאזט זִיךְ טאַנצֶענדִיג
אַהִין צוּ גֶעבֶּען „מזל טובֿ“,
אוּן אגבֿ װאָס אִין מױל אַרײַן
אַ האַפּ צוּ טאָן, אַ נאַשׁ צוּ טאָן,

(אָי, אָי, די קלײנע חבֿרה־לײַט —
— װער קען זײ ניט, װער װײס דאָס ניט —
זײ קאָכען ניט, זײ באַקען ניט,
און װאָס מען כאַפּט בגנבֿה ניט,
דאָס האָט מען ניט אין מויל).
טשירי... טשירי... אומזיסט אָבער
האָבען די קלײנע קלעזמערלעך,
אַ פֿײַן גוט מאָרגען אויפֿגעשפּילט,
געריסען זיך די גאָרגעלעך,
געמאַטערט זיך די פֿיסעלעך,
געטאַנצט אַ האָפּקע לעבעדיג.
די ביסעל מעהל פֿערשאָטאָנע,
עס קלעקט ניט אויף אַ צאָהן.
אַ הײַפֿעל נור, אַ צעהנדליג, צװײ,
האָט װאָס געהאַט אַ פּיק צו טאָן,
אַ דרײַ, פֿירטהאַלבען מאָל...
דאָס רעשט פֿונ׳ם עולם התונה־לײַט,
די קלעזמער, זינגער, טענצערקעס,
דער גאַנצער האַק און פּאַק —
אומזיסט נעבעך די גאָרגעלעך
געריסען און די שנאָבעלעך
געשײַערט אָן דער ערד.
צום גליק האָט דאָ פֿון צװײטען הויף
אַ דינסט־מײדעל אַ פּליוך געטאָן
אַ צובער׳ל אַ פֿילינקען
און חבֿרה, האַידאַ! טשיר... טשירי...
אַ שפּרונג, אַ פֿליה, און ליאַרעמדיג
אַװעקגעטאַנצט אַהין.

אַ וועק די וואָראָביִטשיקעס.
די קליאַמקע פֿון פֿאָדראַד —
זי קלאַפּט, זי רוהט אַ ווייַלע ניט:
אַריין, אַרויס, דער מעהלשיטער,
דער זעצער און די אויפֿגיסער,
פֿוהרמאַנעס, באַלעבאָסטעצקעס,
מען שרייַט, מען שלייפֿט די ציינגעלעך,
אַ הויץ די שורות וועלגערקעס,
בייַם לאַנגען טיש, ווי צוגעשמידט,
אַ טייל סקראָבען די קאַצעלקעס
מיט שטיקלעך גלאָז און אַנדערע —
זיי קנעטען פֿרישע טייגעלעך,
און די כאַפּען בייַם אויפֿגיסער,
די קענדעלע, אַ זופּ אויף גיך,
אַ נעץ געטאָן די ליפּעלעך,
אַ בויג זיך צו דער הבֿרטע,
אין עווער איהר אַ שושק געטאָן,
און ביידע לאַכען: האַ—האַ—האַ!..
די איבריגע — זיי וועלגערן.
און וועלגערן, און וועלגערן
די טייגלעך — אָהן אַ סוף.
איך קוק זיך איין אין פֿענסטער׳ל,
איך האָרך זיך צו, פֿיליַיכט וועל איך
וואָס הערין און דערצעהלען אייך,
און, פּלוצלונג, שפּרינגט אַרויס
אַ ווייַבעלע אַ נידריגע
מיט שוואַרצע האָהר צוקודעלטע,
דער פֿאַרטוך מיט אַ שטריקעלע
פֿערבונדען שלאַף, עס האַלט זיך קוים,

מיט הוילע הענד, די ארבעלעך
פערקאַשערט ביז אַרויף,
און גלייך צו מיר: אוי, פעטערקע,
איהר שטעהט נאך אַלץ? וואָס קוקט איהר
דאָ?
וואָס האָט איהר ניט געזעהן?
איהר האָט מסתּם קיין אַרבייט ניט?
טאָ פאָלגט מיך, קומט אַריין
און נעהמט אין האַנד אַ קאַצעל'קע,
אַ רעדעל אין דער צווייטער האַנד,
עס פעהלט ביי אונז, פערשטעהט איהר
מיך
אַ האַנד — וועט איהר צו ניץ קומען.
טאָ קומט אַריין, און פונקט ווי מיר
פערקאַשערט בּיידע אַרבעלעך
און שטעלט זיך ביי דעם בלעך.
איך זעה נאָך אייך קיין געלד אין באַנק
האָט איהר ניט, פונקט ווי מיר.
איהר רעדעלט אָב אַ טאָג אַ נאַכט
און האַפּט אייך אַ פּיער גילדענעס
געווים. אויב איהר וועט רעדלען גוט
וועט נאָך אַ בעל הבית'טע אייך
אַ צעהנעריל, דעם אַנדערען,
ניט זשאַלעווען אויף טיי".
איך קוק און שוויַג. אַ ווײַלינקע,
און גיב אַ טאַפּ די קעשענע:
עס איז דאָרט, ניט פאַר אייך געדאַכט,
אַ ווייסטענעס... דער אויבערשטער
זאָל שומר ומרחם זיין

(וואָס זאָל איך פֿאַר אײך לײקענען —
אַ חרפּה און אַ זײַט!...)
איך גיב אַ טראַכט און ענטפֿער באַלד:
פֿערדיענען אַ פֿיער גילדענעם?
איך גײה! זאָלט איהר געזונד מיר זײַן!
צו פֿיהרען, כהע... די רעדעלע?...
אוי, זאָגט מיר: װעלכער איד װעט זיך
ניט אָננעהמען, װער קען דאָס ניט
און גלוסט דאָס ניט — די רעדעלע
צו פֿיהרען... איך בין גרײט!
בפֿרט נאָך אַ פֿיערגילדענע
פֿערדיענען — פֿאַר װאָס ניט?

גערעדט, געטאָן אײן אויגענבליק —
איך בין שוין אין פּאָדראַד.
איך שװיץ שוין גלײַך מיט אַלעמען,
אַראָב פֿון זיך דעם אײבערראָק,
אַראָב פֿון זיך דעם סורדוט'ל
געבליבען אין אײן װעסטיל נור
פֿערקאַשערט בײדע אַרבעלעך,
און נעהם מיר די געצײַג אין האַנד:
די רעדעלע, די קאַצעלקע —
איך שטעה שוין בײַ דער בלעך.
עס פֿליהען מצה דינינקע,
עס פֿליהען מצה קײַלעכדיג,
איך האַפּ זײ אויף דער קאַצעלקע,
און רעדעל זײ, און רעדעל זײ...
דעם זעצערס שטעקען כאַפּט געשװינד

זיִ צוּ פוּן אוּנטער רעדעלע
אוּן וואַרפט זיִ אין דעם גליִהענדען
אוּן אָנגעפלאַמטען קאַלך=אויווען,
עס דויערט צוויִ מינוּט, —
ער שאַרט אַרוֹיס שוֹין פאַרטיגע
פוּן אויווען מיט דער לאָפּעטע,
די פיינע, דינע מצה'לעך,
געבאַקענע, געבלעזעלטע,
געשטאָכענע, גערעדעלטע
אוּן וואַרפט אַ גאַנצען הויפען אָן
אין ליילעך אויפ'ן טיש.
אַ וועקגעשטעלט די לאָפּעטע,
אוּן האַפּט אין האַנד אַ מצה'לע,
אוּן רוּפט די בעל=הבית'טע צוּ,
וואָס איהרע שמוּרה באַקט זיך דאָ
די ערשטע אויווען היינט:
„איהר גיט אַ קוּק נוּר, האַשינקע,
אַ מצה — דין ווי פּאָסט=פּאַפּיער!
אוּן קלאָר ווי שניי געפאַלענער!..
זי גיט אַ טאַפּ, אַ דריי אין האַנד
אויף דער זייט אוּן אויף יענער זייט,
אוּן שעפּטשעט ערנסט=פייערליך:
„הלואי זאָל מען געזוּנדערהייט
פערניצען, טאַטע לעבּ'דיגער,
אוּן מיט אַ האַרץ, אַ פריילִיכען
דערלעבען איבער אַ יאָהר“.
— נוּ, גיכער, גיכער, לעבעדיגער! —
טרייבט אוּנטער די פּאָדראַטשיכע
די וועלגערקעס, וואָס האַפּען זיך

פֿון אײן טײַגעל צום אַנדערן
די האָר פֿערדרײכטען, אָפּװישען
דעם נאָז, אַגבֿ אַ לאַף צו טאָן
און אײַנרױמען דער שכנ'טע
אין עװער אַ שו—שו...
דעם נאָז װישען קײן עולה ניט, —
זאָגט מוסר די פּאָדראַדטשיכע,
„טאַלעט", אָבער, אױ, מײדעלעך,
צו מאַכען איז קײן צײַט ניטאָ,
און לאַכען און שושושינקע
לעגט אָפּ צום אַנדער סדר'ל —
(צום ערשטען װעט איהר „מיר צאַשעם"
אַ פֿאַל טאָן אַלע שלאָפּינקע
און כראָפּען װי די פֿערד...)

עס װערט אין שטיבעל רוהיגער,
בײַם לאַנגען טיש די װעלגערקעס —
זײ קנעטען שטיל די טײגעלעך,
זײ קנעטען שטיל און װעלגערן,
מיט השק אױף צו פּלומרשטען.
דער מעהלשיטער, דער אױפגיסער,
דער זעצער און די רעדעל-לײַט
מיען טוט די אַרבײַט שװײַגענדיג,
עס קנאַקט דער אױװען פּראַקערדיג,
עס הערט זיך נאָר אַ קלימפּערן
פֿון רעדעלעך אָן בלעך.
דערװײַלע װערט אַלץ דונקעלער,
די זון לאָזט זיך אַלץ נידריגער

אַראָפּ אַהין צו מערבֿ זײַט,
און לענגער, סמוטנער ציִהען זיך
די שאָטענס אין פּאָדראַד.
געניג! שרײַט די פּאָדראַדטשיִכע, —
מען טאָר ניט מעהר... שוין מנחה צײַט!
דער אויװען איז שוין אָבגעקיִהלט;
מען מוז אַ הײַפֿעל צו װאַרפֿען,
דער פּאָד זאָל זיך גוט אָנפֿלאַמען,
דאַן װעט זיך װיִדער אָנהויבען
די אַרבײַט פֿריִש און לעבעדיִג
בײַ פֿײַער.
איין מיִנוּט:
עס װערט אַ הוּק, אַ שטופּענעס
דער עולם האָט צושאָטען זיך,
געװאָרפֿען טיִש און קאַצעלקעס,
דעם עמער און די מעהל־שיִסעל,
דעם שטעקען, בלעך, און רעדעלעך,
אַרוים פֿון טיִר, מיִט פֿילער ברוסט
דעם ערשטען פֿריִהליִנגס־װיִנטעלע
אַרײַנגעזופּט מיִט דורשט;
און טיִעף, און טיִעף אַ קרעכץ געטאָן,
און שטאַרק און שװער אַ ציִה געטאָן
דעם אָטעם, און פֿערטריִסעלטע
פֿון נאַסקײַט און פֿון קעלט,
צוריִק אין שטוב אין װאַרעמקײַט
אַלאָז געטאָן זיך ציִטערנד,
און אַלע זיך צונויפֿגעשטיִקט
בײַן אויװען אין אַ װיִנקעלע
פּונקט װי אַ סטאַדע גענזעלעך,

און הורזשען האָ—דאָ—האָ!...
די קנעטערקעס, די וועלגערקעס,
דער וואַסער גיסער, מעהלשיטער,
דער זעצער, טרעגער, אויפזעהער,
און מיר די רעדלער אויך,
און אַלע אין איין ווינקעלע,
פונקט ווי אין נח'ס קעסטעלע
די חיה'לעך, בהמה'לעך
און פויגעלעך, און יאַשטשערקעס
פון אַלע מינים האָבען זיך
פערקליבען מיט אַ מאָל.
צום ערשטען מאָל האָט מען זיך דאָ
בעגעגענט אַלע — ווייבעלעך
און מיידעלעך, און בחורים,
און אַלטע לייט און אינגעלעך,
צונויפגעטריבען, אויפגעיאָגט,
דורך הונגער נויט און אָרעמקייט
פון אַלע שטעדט און שטעדטעלעך,
פון ווייטע און פון נאָהענטע,
אַהערצו אין פּאָדראַד...

די זון האָט זיך אַראָבגערוקט.
עס בלישטשען דרויסען פייערלעך,
נאָר סמוטנע, דונקעל, אומעטיג
און היים איז אין פּאָדראַד.
אוי, ווייבערלעך, אוי מיידעלעך,
וואָס טויגט איהר, זאָגט, איהר קאַלי-
קעס, —

שרײַט אױס דער זעצער, בערעלע, —
װאָס האָט מען פאַר אַ נוץ פון אײַך,
אַז מ'קען אײַך צו אַ מנין ניט,
אַ קדושה ניט, מצרף זײַן,
אַ האַלבע מאה װעלגערקעס
און מ'קען מיט זײ קײַן „צבור" ניט,
אויף מנחה דאַװנען אויפשטעלען:
װאָס טויגט איהר אויף דער װעלט?
„אַ „צובער" דאַרפען אָקסען נור,
מיר קענען אָהן אַ צובער אויך
בעשטעהן די שטעדטיל" — ענטפערט איהם
מניה וביה אַ װעלגערקע,
אַ הויכע, דאַרע אידענע,
ס'זעהט אויס, אַ װאוילגעלערענטע.
דער עולם לאַכט; עס פאַטשען איהר
די װײַבער צו: גערעכט!
װאָס טויג אונז מנחה? רופט זיך אָב
אַנ'אַנדער קול. הערט, װײסט איהר װאָס,
אָט לאָמיר זיך צוזעצען דאָ,
און װער עס װײס אַ מעשה'לע,
פון זיך אַלײן, פון אַנדערע,
זאָל אונז דערצעהלען אַלעמען,
אַנ'אמת'ע, צו אויסגעטראַכט,
אַבי ס'זאָל זײַן געשמאַק.
ס'זאָל די הלשות אָבטרײַבען
פון האַרצען. נו, עס געהט?
— עס געהט!
נו, װער װעט אָנהויבען

— אַי, ווייסט איהר וואָס? אָט הערט מיך
אוים!

רעדט איינע פֿון אַ ווינקעלע,
אַ מיידעל, אַ געקרייזעלטע,
אין פֿינסטערניס דערקענט מען קוים
איהר פּנים, נור דער קול איהרער
קלינגט אַנגענעהם אין קלוג.
„מיר זענען דאָ אין שטיבעלע,
פּונקט ווי אין נח'ס קעסטעלע
די חיה'לעך, בהמה'לעך,
די פֿויגלעך, פֿיש און יאַשטשערקעס,
צונויפֿגעטריבען, אויפֿגעיאָגט
פֿון אַלע עקען וועלט.
געטריבען האָט דער הונגער אינז
געיאָגט די נויט, די אָרעמקייט,
נו, זאָל דערצעהלען יעדערער:
פֿון וואַנען, ווי אַזוי קומט ער
אַהערצו אין פּאָדראַד.
און ווען מען היינט ניט ענדיגען,
איז מאָרגען אויך אַ טאָג פֿאַראַן,
און איבערמאָרגען, אַלע טאָג
אַ מעשה'לע, צו צוויי, צו דריי,
ביז וואַנ' די לעצטע אויוועלע
איז אָבגעקיהלט און פֿאַרטיג איז
די לעצטע מיירע, זענען מיר
אויך פֿאַרטיג. נו, עס געהט?
— עס געהט! נו, ווער וועט אָנהויבען?
— פֿאַרשטעהט זיך, אַז ווער עלטער איז!
— אַזוי? נו, קומט דעם זעצער דאָך

דעם ערשטען פסוק אנהויבען,
ער איז ביי אונז דער עלטערער
און האט א באָרד א חשוב'ע
להבדיל, ווי ביין רב!
דער עולם לאכט: אהער, רבי בער!
דעם שטעקען לאזט א ווייַלעצקע,
און זעצט זיך אויפ'ן בענקעלע
אין מיטען אונזער רעדעלע,
מיר אלע — ארום איך.

———————

רבי בער לאזט זיך ניט בעטען לאנג.
ער זעצט זיך אויפ'ן בענקעלע
ביי'ם אויווען און די רעדעלע
פון ווייבערלעך, פון מיידעלעך,
די קנעטערקעס, די וועלגערקעס
דער מעהלשיטער, דער אויפגיסער
דער טרעגער און דער אויפזעהער,
און מיר אין האנד די רעדעלעך,
מיר אלע ארום איהם.
רבי בער טוט אן די יאַרמולקע
און הוסט זיך אויס א ווייַלינקע
און מאכט צורעכט די ארבעלע
און נעהמט ארום מיושב'דיג
זיין שפיציג־לאנגע באָרד.
כע—כע — מאכט ער — דערצעהלען איך
פון וואנען, ווי אזוי קום איך
אהער אין נח'ס קעסטעלע
ביי'ם אויווען אין פאדראד?

די מעשׂה איז אַ לאַנגינקע,
אַ לאַנגע, ניט קיין פֿריילינכע,
איך וועל זי ניט דערצעהלען אייך
אין איין שׁעה, און אין דריי שׁעה ניט —
איך וועל עס מאַכען קורץ:
אַ מוליער בין איך זומער=צייט
און ווינטער פֿלעג איך פּעקעלעך
און קעסטעלעך און זעקעלעך
און גרויסע זעק און אַלמערלעך
מיר טראָגען אויפֿ'ן קאַרק.
אַ מאָל בין איך אַ גבֿר געווען
געקאָנט אַ זעקעל אויפֿהויבען
פֿון צעהן פּוד און פֿון צוואַנציג פּוד
געהאַט אין מאַרק אַ שׁם.
נור פּלוצלונג האָט אַ דונער מיך
דערשלאָגען — אַ האַלאָבלע איז
פֿון הינטען מיר אין רוקען גלייך
אַרייַנגעפֿאָהרען — טראַך!
זעקס וואָכען האָב איך אָבגעקרענקט
אין הקדשׁ, אויף דער זיעבעטער
בין איך אַרויס פֿון האָספּיטאָל
מיט ברעכענס אין קאַרק.
פֿון דעמאָלט אָן בין איך שׁוין מעהר
קיין כּלי ניט, ניטאָ דער גבֿר,
דער בערעלע, וואָס האָט מיט איהם
געקלונגען אין די ראַדעס פֿיל,
וואָס האָט אַ צוואַנציג פּודיגע
אַ הויב געטאָן, אַ וואָרף אויף זיך,
געטראָגען — ניט אַ קרים!

אָך—אָך, ניטאָ דער בערעלע!
אוי, קינדערלעך — אַמאָליגער...
אַמאָל פלעגט זיך נאָך ווי עס איז
פערדיענען אַ צוויי־גילדענע
ביין סטאַנציע פון אַ פעקעלע
(קיין גרויסען פאַק קאָן איך שוין ניט
אַ נעהם טאָן — ס'ברעכט דער קאַרק).
נור היינט איז שוין דאָס אויך ניטאָ
איך בין שוין ניט דער איינציגער
ביין סטאַנציע. אַרום מיר איז פיל —
אַ האַלבער מנין אידעלעך
גערינטערע און פלינקערע,
זיי רייסען פון די הענט אַרויס
דיר פשוט דעם פאַרשוין.
דערצו האַפט מען אַ כבוד אויך
פון גאָראָדאָוואָי — אַ טראַסק אין ווייט
און פון זשאַנדאַר — אַ בענץ אין בויך,
אַז די פערדרייסט זיך — קייקעלסט זיך
אַ וועק — די ליפען בייסענדיג
און גיסט נאָך זיי אַ „דאַנק“.
אוי, שווער קומט אָן איצט קינדערלעך
היינה אונזערע אידעלעך!
ווען ניט די לאַנגע „טייטעלע“
דער שטעקען ביי דעם אויווען דאָ,
ביין הייסען אין פאָדראַד,
וואָלט איך מיט היילע „כרפס“ נור
געמוזט דעם סדר אָבריכטען
— קיין „יחץ“ ניט געהאַט.

רבי בער׳ל האָט ניט צײַט געהאַט
צו ענדיגען די מעשה׳לע
און האָט אַ שווערען זיפץ געטאָן,
געכאַפּט זיך מיט דער לינקער האַנד
בײַן רוקען: ס׳האָט אַ שטאָך געטאָן...
„איך וואָלט אַ קאַפּ זיך צולעגען,
וואָלט איבערגעהן“ — מאַכט בערעלע —
נו, נו, הערט זיך אַ קול׳כעלע
אַ קוויטשיקער אַ שאַרפינקער —
דאָס איז דער בעל הבית׳טעצקעס —
רבותי צו די מיירעס, נו!
אין שול איז שוין נאָך „ברכו“ לאַנג;
דער איוועץ פלאַקערט לעבעדיג —
דער עולם האָט צושאָטען זיך
אין שטוב, אין אַלע ווינקעלעך:
ווער צו דער מיירע, אַנדערע
מיט גלאָז שאָבען די קאַצעלקעס.
אַ דריטע פירטע וועלגערט שוין...
די רעדלער קלאַפּען, קלימפּער׳ן
אָן הוילען בלעך מיט אונגעדולד.
עס פליהען באַלד די מצה׳לעך,
די קײַלעכדיגע, דינינקע,
פון קאַצילקע, צום רעדעלע,
פון רעדעל אויפ׳ן שטעקעלע,
פון שטעקען גלײַך אין אויוועלע
פון אויוועלע אין לײַלעכיל...
עס הודזשעט, קאָכט, עס רעדעלט זיך;
מען קלאַפּט, מען שרײַט, מען אַמפּערט
זיך...

עס גיסט דער שוויִס טײַכֿען ווײַס,
מען שוויצט ווי אין אַ באָד ;
עס פֿלאַמט דער אויווען מוראדיג
עס קראַכֿט, און ברומט, און ווילדעוועט,
ער שלינגט אײַן מצה צעהנדליג ווײַס
עס דאַכֿט... אַט, אַט פֿערברענט ער זיי
פֿער׳שרפֿה׳ט... אָבער בערעלע
איז פֿלינקער נאָך... זײַן שטעקעלע
שאַרט באַלד אַרויס די מצה׳לעך
פֿערברוימטע קוים און טרוקענע,
און קלאָרע, ווי דער מאָרגענשײַן,
פֿון פּײַערדיגען פֿאָד.

אַזוי האָט מען געגוואַלדעוועט
געקלאַפּט, געפּילדערט שטורעמדיג,
ביז וואַן עס האָט אַ פּאַטש געטאָן
דער האָהן דעם ערשטען קריי.
— שוין האַלבע נאַכֿט! מען טאָר ניט מעהר...
שרײַט אויס די בעל־הבית׳טעצקע...
דער עולם ווערט צושאָטען גלײַך,
צוקריכֿט אין אַלע ווינקעלעך,
ווער אויפֿ׳ן טיש, ווער אונטער טיש,
און ווער אונטער אַ בענקעלע,
דאָך געהעַנטער צום אויוועלע,
צונויפֿגעדרייט, צונויפֿגעלעגט
צו דרײַ, צו פֿינף, אין קופּקעלעך
אין שמוץ; אָנשטאָט אַ קיסעלע —

צוּקאָפּינס דער קוּלאַק.
אַ הראָפּ, אַ שנאָרך, דעם אַנדערן,
מען האָט נאָך ניט קיין צייט געהאַט
אַ גלייך צו טאָן די בּיינדעלעך —
קוּ—קוּ—רי—קוּ !... רבי העהנדעלע
דער זייגער'ל פון געסעלע —
ער פּאַטשט דעם צווייטען קריי...
דער אוּמרוּה — די פּאָדראַטשיבּע
די שטעהט שוין אויף די פיסעלעך
און רייכט, און צופּט די וועלגערקעס,
די רעדלער אין די קנעטערקעס:
שטעהט אויף — צום ערשטען אויוועלע,
רבּותי! ס'קרעהט דער האָהן.
דער עולם — אַ צושראָקענער
שפּרינגט אויף: ניט טויט, ניט לעבּעדיג,
צופודעלטע, צוקודעלטע,
האַלבּ־נאַקעטע, האַלבּ באָרוועסע
אַ שפּאַר אין דרויסען אַלינקע
פון טיר. דער מאָרגען־ווינטעלע
האָט אָבּגעפרישט — מען ציהט אָבּ פריי
אָט איצט ערשט פאַר אַ גאַנצע נאַכט
דעם אָטעם — אַ—אַ... געשמאַק...
דער עולם שטעלט דעם ווינטעלע
די ברוסט אויס און — צום ברונענדעל!..
אַרויסגעשלעפּט אַנ'עמער'ל
מיט וואַסער קאַלטע, פרישינקע,
אַ בויג געטאָן, אַ פּלייך געטאָן
מיט איין מאָל אויף אַ צעהן פאָר הענט
אַי—אַי... געשמאַק... פערטרייסעלטע

צוריק לויפט מען אין שטיבעלע,
און לעבעדיג און רעדעוודיג
ביין אויוועז, בלעך און טישעלעך
קלינגט ווידער אין פאדראדעל שוין
דער נ ע כ ט י ג ע ר הו—הא!—

צו מנחה צייט — ווי אפגערעדט
ביין אפגעקיהלטען אויוועלע
איז ווידער אונזער רעדעלע
צו זעצט. אין מיטען בערעלע
דער זעצער. ארום איהם:
די קנעטערקעס, די וועלגערקעס,
דער וואסער-גיסער, מעהלשיטער,
(אנשטאט דעם קליינעם אינגעלע,
וואס נעכטען ביי דעם זעקעלע
געשטאנען — שטעהט אנאנדערער
שוין היינט — א גראהער איד)
די טרעגער און די אויפזעהער
און מיר די רעדלער אויך.
— נו, ווער וועט היינט זיין מעשה'לע
דערצעהלען — מאכט א וועלגערקע,
די הויכע, דארע אידענע
וואס האט דעם זעצער בערעלען
אריינגעזעצט אין „צובער'ל" —
א אידענע — א כוואט!...
איך! איך!... רופען זיך אוים אליין
פון אלע זייטען קולכעלעך.
נור בערעלע פער'שאקעט זיי:

שאַ! שטילער! „כּת לצנים“ — איהר!
האָט צייט — איהר וועט נאָך פּלוידערין!
זאָל רעדען דער, ווער עלטער איז.
רבּי... העָ!... אַהער, ווי רופט מען
אייך?..
איהר זייט דער נייער מעהלשיטער?..
נו, קומט דערצעהלט אונז, זיידינקע,
פון וואַנען קומט איהר, פאָהרט איהר אָן,
אַהער אין נח׳ס קעסטעלע,
צום פּסח׳דיגען זעקעלע,
און וואו איז יענער אינגעלע
וואָס איז אויף אייער אָרט געוועזן
צו ווייסט איהר אפשר? זאָגט.
— כהע! כהע!.. דער אַלטער הוסט זיך
אוים
און גיט אין ביידע נאָזלעכער
אַ שמעק פון טאַבּאַקערקעלע —
און ווישט זיך מיט׳ן אַרבּעל אָב
די באָרד: — עס איז מיין אייניקעל
דאָס אינגעל הייסט עס... מיך רופט מען
רחמיאל הערץ — איהר קענט מיך נים,
איך וואוינן דערביי אין געסעלע,
אַנטקעגען ביי דער קלויז.
האָט ער געמוזט מיין אייניקעל
אַוועק — ס׳איז היינט געשטאָרבען, איז
אַ גביר — האָט מען געהייסען געהן
די תלמוד תורה אינגעלעך
בּעגלייטען, זינגען „צדק“ איהם,
קלער איך עס איז אַנ׳עבירה, איז

אַ צוואַנציגער צרויסלאָזען
בין איך אַוועק אויף זיין אָרט דאָ
(דעם שלאָף האָב איך פערבויגען היינט)
און איהם געהייסען געהן...
— און וואָס איז אייער טועכט'ס, וואָס,
אוי זיידינקע, אַליין?
— איך בין אַוואַכטאָווניק בין איך...
דאָ בויט מען נייע קראָמען, דאָ
היט איך מען זאָל ניט גנב'ענען
קיין בערוועקע ביי נאַכט.
— גענוג! וואָס ווייטער טרעפען מיר
שוין, זיידענקע, אַליין.
— ווער איצטער? וואו איז זעלדעצקע?
שרייט בעריל — פון די וועלגערקעס
איז זי ביי אונז די עלטערע
מכבד דיר! יעמוד!...
דער עולם ווארפט די אויגעלעך
אַהין — אַהער — וואו זעלדעצקע?
ניטאָ זי — אַי, צי וויל זי ניט
פון חברה זיך אַרויסמאַכען!
— עס געהט ניט! — שרייט אַברהם'עלע
דער רעדלער, — חברה זוכט!..
מ'זוכט אין פינסטער שטיבעלע,
מען זוכט אין אַלע ווינקעלעך.
צום סוף האָט זי אַברהם'עלע
דערטאַפט, גע'האַפט זי נאַשענדיג
אַ ציבעלקע מיט ברויט...
„אַוועק פון מיר, קעשענק דו —
מאַכט זעלדע, איך בין המזק־די...

אַ גאַנצען טאָג געפֿאַסט...
לאָז מיך אַ קײַ טאָן, אָפּטרײַסלען
די ברעקלעך און צוּוואַשען זיך
די הענד, איך זאָל חלילה ניט
אויף זיך קײַן חמיץ־ברעקעלע
פֿערטראָגען צוּ די זעק.
— נוּ זאָל דערווײַלע יענטעצקע,
דערצעהלען — לעגט פֿאָר עמיצער, —
אין פֿינסטערנעס דערקאָנט מען ניט
דעם פּנים — ווער עס רעדט.
— וואָס זאָל איך אײַך דערצעהלען, וואָס,
הערט זיך אַ בּורטש — אַ קול'כעלע,
אַ בּײַזער דאָך, צוּכלומרשט נוּר,
און אַלע באַלד דערקענען זי
די רויטע פֿולע יענטעצקע
מיט בּעקלעך צווײַ, ווי קיסעלעך,
די מאַד, וואָס צוּ איהר שדכנט זיך
אַבֿרהמ'עלע — דער יאַט.
אַבֿרהמ'עלע לויפֿט צוּ און רוימט
איהר אײַן אַ סוד אין עווער'ל,
און גיט דערווײַל אין מאָרדעצקע
אַ קניפּ איהר — „וועק! קעשעניק דוּ!“ —
שרײַט יענטעצקע און לעגט איהם אײַן
אַ חלק מיט דער קאַצעלקע,
אַז ער פֿערגעהט זיך: אוי, אוי, אוי...
פֿערדרעהט זיך אָן אַ זײַט...
דער עולם זעהט אין פֿינסטערנעס
דאָ גאָר נישט, נוּר מען שטויסט זיך אָן,
מען קען דאָך די פּאַרשוינדעלעך,

און ס'קלינגט: כאַ–כאַ!.. אַ מצוה דיר,
כל־בוניק: בראַוואָ, יענטעצקע,
כאַ–כאַ... קנעט אויס אַ טייגעלע
פון איהם אויך גרין און בלאָה.
— אַזוי גאָר, מאַכט אַברהמ'עלע,
דו ביזט מיר קידער־ווידער'ל
דערפאַר וועל איך זיי אויסזאָגען
די מעשה ווי אַזוי דו האָסט
אַליין דיין בעל־הבית'טעצקע
אַ סטרייקעלע געשפּיעלט.
— אַוועק דו מאָפּס — מאַכט יענטעצקע, —
דיין מענה לשון דאַרף איך ניט;
איך האָב אַליין אַ פּיסקעלע,
אַ בעסערן פון דיר.
כאַ–כאַ!.. הערט צו, מאַכט יענטעצקע,
ווי איך האָב מיינער אָבגעטאָן,
איהר קענט דאָך שאָשע פערלעצקען?
פון איטקע זאַווּיל'ס געסעלקע;
די גראָבע קלאָץ — די מלוה'טע —
איך האָב ביי איהר געדיענט.
אַ היה — ניט קיין אידענע,
איך האָב ביי איהר אַ יאָהר כמעט
פּאָקוטעוועט, פערשאָלטען זיך
די טעג, געקייט די ערד.
פון פריה ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט
מאַכט זיך ביי איהר דער מויל ניט צו;
זי שילט מיט קללות ביטערע
און וואָגעלט דיר פון וואָרצעל אויס,
קוים ווילסטו נור אַ רגע'לע

זיך אויסרוהען די פיס.
אַ קלאָג צו איהר — אַ אידענע,
— אַ חיה — ניט קיין מענש. —
היינט רק זי מעסט דעם לעבעלע
און וועגט די צוקער־פושקעלע
און צעהלט דיר יעדען שטיקעלע
און ביסען אין די צעהן.
און טאָמער דרעהט דער קאַדיק איהר
אַוועק, ווערט אַלץ אין אַלמער׳ל
פערהאַקט, אַפילו ציבעלע
און גרויפען — אונטער שלאָס...
אוי, אוי, האָב איך פאַקוטעוועט
פערשוואַרצט געוואָרען, שוועסטערקעס,
איך ליידע, און שלינג, און קלער ביי זיך:
וואַרט, וואַרט דו מכשפה׳טע,
„עס קומט די ציג צום וועגעלע״,
זאָל פורים אָקאָרשט אָנקומען,
און אָבגעשלאָגען המנ׳ען,
שלאָג איך מיט דיר כפרות אָב —
עס כאַפט דיך שוין די קלאָג!
אין סאַמע ערב פסח׳ל,
ווען אַרבייט — איבער האַלז איז פיל:
צו וואַשען, ראַמען, שייערן
צו שאָבען, שטעלען בוריקעס,
צו כשר׳ן, צו ווייס איך וואָס —
איך קלייב צונויף מיין פעקעלע,
און שפיעל דיר אויף אַ „זייַ געזונד״!
און גייה מיר אין פאָדראַד.
האַ־האַ, וואָס זאָגט איהר קינדערלעך

אַהאַ! נישט קשה ״ אָפּגעטאָן?
זײַ מוחל, שאָשע פּערלעצקע,
טו אָן אַלײַן דעם פאַרטוכעל,
פאַרקאַשער דײַנע אַרבעלעך,
און נעהם זיך צו דעם צובעריל,
צו שאָבען און צו שײַערן,
אַ ברעכענעס אין קאַרק...
דו ווערסט שוין יעצט אַ קרענקעלע
בעקומען — ניט אַ דיענסט.
דאָ קריג איך מײַן פינף־גילדענע
אַ טאָג, און האָב איך אָפּגעשטופּט
אַ דרײַ, פיערטאַלבען וואָכעלעך
האָב איך שוין אויף אַ יאַקעלע
אַ קלײדעל און אַ שוך.
און קויף נאָך לאהיקען, דוואָשענקען
די שוועסטערלעך, די קלײנינקע,
צו נײַענקע פאָר שיכעלעך
די פּאָפּקעס — אַ געזונד אין זיי!
און פאָהר אַהיים מיך אויסרוהען,
נאָך פּסח — קריג איך צעהנדליגע
פאַר אײנע — קיכען גבירישע,
אַ דאגה — וויל נור האָרעווען
מען קריגט — אַבי געזונד...

געענדיגט האָט איהר מעשהילע
די רײטע פולע יענטעצקע —
דאַן געהט צו איהר צו נעהענטער
דער רעדלער היים לייב;
און קוקט אַרײַן אין פּנים איהר:

„צו זײַט איהר ניט פֿון חוואָינאָװקע,
נײַן װיאָרסט פֿון אונזער שטעדטעלע?
איז אַ קאָרשט אײער טאַטע ניט
נפֿתּלי הירש דער שמיעד?
— און װער זײַט איהר? פֿרעגט יענטעצקע
— איך בין פֿון להמא־עניעװקע
דעם שוחט׳ס זוהן...

אַ, חײמ׳קע?..
װאָס טוט איהר דאָ? װאָס זאָגט איהר,
קרוין,
איך קוק און קוק... בעקאָנט דאַכט זיך...
און האָב אײך ניט דערקענט...
מיר דאַכט איהר זײַט אַ באַנק־קװעטשער,
װי קומט איהר צו דער רעדעלע
אַהערצו, בײַ דער בלעך?...
— װאָס טוט ער דאָ? װאָס דו טוסט דאַ!
פֿערשלאָגט די הײד איהר בערעלע,
און ענטפֿערט איהר פֿאַר חײמ׳קען
װאָס שטעהט פֿאַרשעמט און װײס ניט װי
צו זאָגען װאָס ער מײנט.
װאָס טוט ער דאָ? — מאַכט בערעלע —
אַ גאַנצען יאָהר, פֿערשטעהסטו מיך
געקװעטשט די באַנק, געפּלפּולט זיך,
געדרעהט דעם גראָבען פֿינגער׳ל
אַהער — אַהין, געריסען זיך
דעם גאָרגעל אויף אַ תּוספֿת׳ל
געװאָלט אין מהרשא׳עלע
אַ קשיא מאַכען גלאַט...
געשלאָפֿען אויף דער האַרטער באַנק,

געגעסען טעג קבצנישע
געפאַסט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג
פֿערבּיסען מיט אַ תּענית'ל
אַ מיטוואָכדיגען אויך.
נו, קומט דער ערבֿ פּסח אָן,
בּעדאַרף מען דאָך דעם תּוספֿות'ל
אַ בּיסעל לאָזען אָבּרוּהען —
אַנ'עוילה, זאָגט, צו ניין?
און הויבּט זיך אין פּאָדראַדעל אָן
צו קאָכען און צו ליאַרעמען,
דאַן בּלייבּט די קלויז אַ לעדיגע —
ניטאָ קיין נפֿש — שאַ!
צולאָפֿען זיך, צו פֿאָהרען זיך
אַ היים, אַ היים די קלויזניקעס
מיט פּעקעלעך, מיט קעסטעלעך
אין אַלע עקען וועלט:
אין דריבּישאָק, אין הליפּ.שאָק,
אין פּלעצק, אין כּל דכפֿינישאָק,
אין ליאַפּקעווע, אין טיאַפּקעווע
אַ יעדער צו זיין היים.
נו, פֿעהלט מסתּמא היימ'קען
קיין סך ניט — אַ פּאָר הונדערטער
צו צאָהלען פֿאַר דער בּיידעלע
צו קויפֿען אַ מאַנישקעלע,
אַ קאָלנערל, און אפֿשר אויך
האָט ער אַ יצר הרע'לע
אַזיינעם, פּונקט ווי דו,
צו בּרענגען אַ מתּנה'לע
אַ שוועסטער'ל אַ בּרודער'ל

אַ היטעל, צו אַ שיכּעלע
אַ דאָס, אַ יעניק, איך ווייס !..
און וואו זאָל דיר אַ קלויזניק פאָרט
בּעקומען אַ פּאָר קאָפּיקעס
אויב ניט פון בּלעך און רעדעלע
פאַר פסח. אין פּאַדראַד ?...

———————

דערווײַלע האָט שויז זעלדעצקע
איהר שטיקעל בּרויט און ציבּעלקע
דאָרט אויפגענאַשט, אַרוים פון שטוב,
די המצ׳דיגע בּרעקעלעך
אַראָבּגעטרייסעלט פאָרזיכטיג,
צו וואַשען גוט די הענד,
דאָס רעשט פון קווערטעל איסגעזופּט
אַרײַן צוריק אין רעדעלע
און זעצט זיך אויף איהר בּאַנק.
— אַ קלאָג צו איהם ! דער קאַטאָרזשניק
ער האָט זיך מיט אַ מיידעל דאָרט
„איזגיוהעט” אין אַמעריקע —
דערצעהלט זי — אָהן אַ פאָררעדע —
איהר מעשׂה גלײַך פון תוך. —
פלעגט שיקען אַלע חודש מיר
אַ בּריוועל, עפּיס געלד דערצו
אויף אַלע יום טוב אויך.
הײַנט וואָלט איהר זעהן די בּריוועלעך :
„מײַן זעלדעצקע ! מײַן לעבּען !.. קרוין !..
מײַן שוואַרצאַפּעל פון אויג...
נאָך פּורים שיק איך שיפּקאַרטעס

און פֿופֿציג טאָלער איך דערצו
און נעהם דיך און די קינדערלעך
אַהער צו מיר „אימיגראַנטען“
געניג שוין נעוונד צו זיין
דו דאָרטען און איך דאָ...
דאָס איז געווען פֿאַר חנוכה.
אַוועק אַ חודש, צוויי און דריי —
ניטאָ קיין גראָשען געלד.
איך האָב שוין אַלע זאַכען דאָ
פֿערקויפֿט פֿאַר גאָר נישט, גרינג געמאַכט,
און היינט געמאַכט — איך וואַרט.
אין מיטען הערט — דאָס האַרץ האָט מיר
געריסען עפּיס פֿריהער נאָך, —
איך פֿיהל עס איז ניט גלאַט —
בעקום איך פֿון אַמעריקע
אַ בריוועל — ניט פֿון העשעלען
פֿון קאַטאָרזשניק — אַ מוהמע דאָרט
האָב איך איז אָט דער בריוועלע
געווען פֿון איהר. אוי, פֿינסטער איז
און ביטער איז געוואָרען מיר,
ווי איך האָב נור דעם בריוועלע
געעפֿענט... גיב אַ קוק...
„דיין העשעל האָט געקראָגען דאָ
אַ מויד“... איהר הערט?... אַ בראָך צו איהם
דער עכּבּרוש, דער צוויי-הייבערניק —
געפֿעלט איך?... גאָר אַ מויד!..
און שפּיעלט מיט איהר אַ חתונה,
און שיקט דיר אָב אַ גט...
אַ וואָך צרות. עס קומט אריין

דער בריװטרעגער. דערלאַנגט אַ בריװ,
און װידער פֿון אַמעריקע...
די האַרץ איז מיר צושפּרונגען שיער...
איך נעם... דערקען די האַנט...
עס קלינגט מיר אין די אויערן
אַ גט... אַ גט... אַ גט!..
איך האָב דעם בריװ ניט אויפֿגעקלעפּט,
און גלײַך פֿאַר עדות אָבגעשיקט
צוריק... איך װאָלט געקאָנט, װאָלט איך
געלאָפֿען און געװיזען איהם
דעם לײַדאַק, דעם צװײ-װײַבערניק...
װאָס טוט מען אָבער, װײַבערלעך,
זאָגט, אַדרבא, אַנ'עצה גיט:
דער װעג איז װײַט, דער ים איז גרויס.
זאָגט אידען: װאָס מען טוט?
— און איך — הערט זיך אַ קול'כּעלע
אַ דינם בײַן זײַט פֿון זעלדעצקען,
מען זעהט ניט, מען דערקענט אָבער
דער קנעטערקעס מאַריאַשינקעס,
איהר הײזעריגען קװיטש:
איך טענה צו מײַן „עכּבּרוש"
נור איינס אין מײַנע בריװ צו איהם:
„איך דאַרף ניט דײַן אַמעריקע,
קײַן שבת דאָרט, קײַן יום טוב דאָרט,
קײַן גאָט ניטאָ, קײַן אידישקײַט,
די קומסט צוריק ,דו עכּבּרוש
אַ הײם? אַז ניט, געה שמד זיך דאָרט!
און שיק מיר אָב אַ גט!
שוין נײַנטער יאָהר — אַ קלאָג צו איהם!

אַוועק אין דער אַמעריקע
און צוגענומען איינציגווייז
די זיהן, די מיידלעך אַלעמען
געלאָזען מיך אַנ׳עלענדע,
אַוויסטע, ווי אַ קראה...
— וואָס פֿאָהרט איהר ניט אַהין צו זיי
צום מאַן, און צו די קינדערלעך —
איהר האָט דאָך לאַנג אַ שיפֿס־קאַרטע,
האָב איך געהערט — פֿאַלט בערעלע
אַריין איהר אין די רעד.
— וואָס פֿאָהר איך ניט? פֿון מיינטוועגען
מעג היינט האָטש דיין אַמעריקע
אין איינעם מיט קאָלאָמבוסען
אַוועק אונטער דער ערד...
די קאָפּ פֿערטראָגען, אידישקייט
פֿערגעסען, אַלץ דעם בויך צוליעב,
וואָס איז? צווי וועלטען לעבט מען ניט...
און דאָרטען שטאַרבט מען אויך...
— מען זעהט, אַז גאָט קען קיינעם ניט
בעפֿריעדיגען — מאַכט בערעלע —
די וויל אַ גט — מען שיקט איהר ניט,
און יענע האָט אַ פֿאַרטיגען
און שיקט איהם אָב צוריק...
— וואָס רעדט איהר פֿון אַמעריקע?
געדט אונטער די פֿאָדראַדטשיכע —
וואָס האָט פֿון וויטען צוגעהאָרכט —
איך האָב דאָרט מיינעם אויך.
שוין צוויי יאָהר, ווי ער מאַטערט זיך,
מיין שלאַק, אין דער אַמעריקע,

נִיט זִיךְ נִיט מִיר, פֶעדִיעֶנט גָאר נִישט.
אִיךְ מַאטֶער זִיךְ דָא אוֹיךְ.
אַ חֹדֶש בַּאלד פַאדרַאדֶעוועֶט,
קֵיין טָאג, קֵיין נַאכט — אַ גֵיהִנוֹם,
אִין טָאמֶער בְּלַייבּט אִין קֶעשֶׁענֶע
אַ צְוואַנצִיג רוּבֶּעל — נַא!
צִי יוֹם טוֹב מַאךְ, צִי דִירָה גֶעלְד,
צוּ נַיי אַ קִינְד אַ בֶּגֶד'ל —
(אַלַיין גֶעה אִיךְ אַ נַאקֶעטֶע,
נוּר ווֶעגֶען זִיךְ ווֶער קלֶערְט שׁוֹין, הֶער),
צוּ שִׁיקֶען אוֹיף הוֹצָאוֹת אִיהם —
אוֹי, שׁווֶער צוּ לֶעבֶּען קִינְדֶערלֶעךְ! —
נוּר דַאגֶה'ן אִידֶען טָאר מֶען נִיט,
אַ דַאנְק גָאט, וואָס מֶען לֶעבְּט,
אִיךְ וואָלט שׁוֹין ווֶעלֶען אָבְּשׁטוּפֶּען
דֶעם יוֹם־טוֹב — זָאל עֶר קוּמֶען שׁוֹין
מַיין שׁלַאק — וואָס טוֹיג אַ אִידֶענֶע
אַלַיין, ווִי זָאגְט אִיהר, פָארְט בֶּעסֶער
אִין שׁטוּבּ אַ בַּעַל־הַבַּיִת...

— וואָס אִיז הַיינְט פַאר אַ ווֶעלְט, אִיז הַיינְט
גֶעוואָרֶען, זָאגְט מִיר, קִינְדֶערלֶעךְ
— שׁלָאגְט אִיבֶּער דִי פָאדרַאטְשִׁיכֶע —
דֶער טרֶעגֶער הַאטשֶׁע וואָלף,
וואָס הָאט עֶרשְׁט מֶעהל אַ זֶעקֶעלֶע
אַרַיינגֶעטרָאגֶען אָבְּגֶעלֶעגְט
קֵיין צַייט גֶעהַאט אַ בּוֹיג צוּ טָאן
צוּרִיק דֶעם קַארְק, זִיךְ אָבּזִיפְצֶען,

אַ שמעק געטאָן אַ־י רעדעלע
און בראָקט אַרײַן אויף זײַנס:
— איך בין אַ בעל־הבית געווען,
געלעבט ניט צו פֿערזינדיגען,
ניט ווײַט פֿון דאַנען דרײַצען מײַל
בײַ פּריץ אין הוואַסטאָיקאָווע,
אַ פֿאַקט געהאַלטען דרײַסיג יאָהר,
בהמות — פֿערציג שטיק.
נײַן קינדער האָב איך — זיבען זיהן
און טעכטער צוויי — וואו זענען זיי?
איהר ווייסט? אַזוי ווייס איך.
גענוג איך זיי געהאָרעוועט,
געקליידט, געשוכט, געהאָדעוועט,
געהאַלטען זיי ביז 15 יאָהר
מלמדים ניט קיין פּשוט'ע
מיט דקדוק, רוס און טײַטש!
געצאָהלט אַ פֿינף און צוואַנציגער
אַ זמן — איך מיך און סמעטענע
און פּיטער פֿריש־געשלאָגענע
אַ קעסט געווען — הלואי זעה איך
דאָס איצטער אויפֿ'ן וואָהר,
וואָס דאַמאָלס האָט מײַן דינסט מיידעל,
דער רבי און דער פּאַראַבאָק,
געזעהן אין חלום... עך!..
די ווײַב געשטאָרבען... איינציגווײַז
צוקראָכען זיך, צולאָפֿען זיך
די זיהן, די טעכטער אויך נאָך זיי
וואוהין? אין אַלע עקען וועלט.
אין אַפֿריקע צוויי בחורים

און אײנער אין אַמעריקע,
אין אַרגענטינע דרײַ.
אַ טאָכטער אױך אַװעק אַהין.
די אַנדערע, די יונגסטע מײַן,
איהר װאָלט אױף איהר אַ קוק געטאָן
אַ מײדעל, הײלע בלוט און מילך
— אַ סאָסנע! אַ פּאַרשױן!
האָט זיך עפּיס — דער טײַװעל װײס:
פון װאַנען איז ער? װער ער איז —
צו איהר אַ בחור צוגעשאַרט —
פערפוצט װי אַ מאָנאַרך!
אַ גאָלד'נער זײגער, דימענטען
אױף יעדער האַנד צו זעקס!
אַ װײַבעל עפּיס, כּלומרשט זײַנס
אַ מוהמע, צו דער רוה װײס,
האָט זיך אין מיטען אױך געדרײט,
געשדכנ'ט דאָ, די װעלט געקעהרט...
מיר האָט עפּיס דאָס האַרץ געזאָגט,
איך האָב געקװענקעלט, אָבגעלעגט,
געזאָגט: איך װעל זיך נאָכפרעגען
און פּלוצלונג זענען אַלע דרײַ:
דער בחור און די שדכנ'טע,
און ביילקע מײַנע אױך מיט זי,
פערשװאונדען אין אַ מיטען טאָג
װאוהין? איך פרעג, איך זוך, איך שרײַ...
געגעבען אױף די בלעטער אױך —
אומזיסט! שױן זיבען יאָהר כּמעט,
פערפאַלען װי אין תּהום...

דער טרעגער האט א זיפץ געטאן,
און שווער דעם אטעם אפגעכאפט,
א ווײַלעצקע זיך אפגעשטעלט
א וועק אין ווינקעל, אויסגעשנײַצט
דעם נאז און מיט׳ן קאפּטיל־בּרעג
איהם אפגעווישט, א כליפּ געטאן
און מיט דער זעלבער פּאלעצקע
פערווישט פון אויג א טרער.
— אוי, זאגט מיר, זאגט מיר אידעלעך,
דערקלערט מיר: וואס וועט זײַן פון אונז?
א מאל איז אויך ניט גוט געווען,
ווען האט א איד געלעבּט?..
נור בּעסער איז געווען אמאל:
צו גוט, צו שלעכט, צו פרייד, צו לייד
מען האט געשלעפּט דעם וועגעלע
אין איינעם — ניט אליין.
שווער איז געווען דער וועגעלע,
אוי, פול מיט צרות אנגעפּאקט,
דאך האט מען ניט געפיהלט אזוי
די משא... דער א שטופּ,
דער האט א שלעפּ, א ציה געטאן,
און דער וואס האט קיין כּח ניט
געהאט, האט דיר צום ווענינסטען
געגעבען פּארע: נו—נו—נו!...
געהאלפען מיט א קרעכץ.
צו גרינג געלעבּט, צו שווער געלעבּט,
— א קינד דערבּײַ, א נ׳איינינקעל,
פאראן פאר וועמען אויסגיסען
דאס הארץ, און ווערט מען קראנק,

איז דאָ ווער זאָל דערלאַנגען דיר
אַ טראָפּען וואַסער... אָבֿיה'ען.
און זאָל די בייזע שעה ניט זיין —
אַ מענש איז ניט קיין איבעריגער —
איז דאָ ווער זאָל דיר צומאַכען
אַנ'אויג . . .

און היינט — אוי, וועה!
צוקראָכען זיך, צולאָפען זיך
די קינדערלעך, די אינגערע,
אַ יעדער וואו די אויג איהם טראָגט
אין אַפריקע, אַמעריקע,
אין אַלע עקען וועלט;
געלאָזט דעם גאַנצען וועגעלע
פול מיט יסורים אָנגעפּאַקט
אויף אַלטע דאַרע ביינדעלעך
פון צרות אויסגעמאַטערטע,
פון דאגות אויסגעזייגענע,
געלאָזען — שלעפּט אַליין...

אַנטשוויגען האַטשע וועלוועלע.
עס שווייגט די גאַנצע רעדעלע:
מען פיהלט, אַז ער האָט אָנגעריהרט
ביי יעדערן אַ וואונד.
גענוג שוין! האָט זיך אויפגעכאַפּט
די ערשטע, די פּאָדריאַדטשיכע —
און האָט אַ זיפץ, אַ קרעכץ געטאָן:
„אוי מעשה'לעך, אוי אידישע,
איהר הויבט זיך אָן נישט קשה'דיג —

אַ ווערטעל און אַ לאַך —
און לאָזט זיך אויס מיט טרערעלעך...
נו לאָז שוין זיין אַ סוף!
אין שול איז שוין נאָך מעריב לאַנג,
דער אויוועץ מאָהנט, ער פֿלאַקערט שוין,
דריי טעג און נעכט נאָך האָבען מיר
צו האַלטען דעם פאָדראַד,
דאַן קומט שוין בדיקת חמץ און,
מען דאַרף זיך נעהמען אויסראַמען
און שייער'ן און כשר'ן
און אַלץ אין איין מעת־לעת:
נו, לעבעדיגער, וויַבעלעך
און מיידלעך צו די קאַצעלקעס!
מיר האָבען נאָך איין מיירעלע
פֿון ווייסע מעהל צו פּטר'ן —
רבי דן דעם רייכען שניט־קרעמערס...
דערנאָך געדט: מיירעס שוואַרצינקע,
אוי שוואַרצינקע, קבצנ'שע.
איהר דאַרפֿט זיך שטאַרק ניט מאַטער'ן,
עס קאָן זיין מצה גרעבליכע.
דער אָרימאַן האָט צינדלעך
געזונדע — ניט קיין גומינע,
האָט ליעב צו קייען טרוקענע,
אַבי ס'זאָל זיין נור וואָס...

———————

די וועלגערקעס, די קנעטערקעס
דער איפּניסער, דער מעהל־שיטער
(דער אַלטער איז אַוועק,
און אויף זיין אָרט — דער אייניקעל

שוין ווידער ביי דער שיסעלע)
דער זעצער מיט דער „טייטעלע"
ביין אויווען שטעהט שוין אנגעגרייט,
די רעדלער קלאפען, קלימפערן
מיט אונגעדולד אין בלעך.
עס געהט די ארבייט קאכעדיג,
עס טראגט הערוויל דער אימפעט נאך,
ניטא שוין אבער פריהערדיגס:
הא—הא!, הו—הא!, די אויגעלעך
זיי בלישטשען ניט מעהר לעבעדיג,
די קאצילקע — זי דרייט זיך ניט
שוין לייכט אונטער די פינגערלעך,
ווי פריהער אין די טיגעלע —
זי קנעט זיך אזוי שווער.
אוי טייגעלע, קבצנישע!
די הארטינגע, די שווארצינקע,
וואס לאזט זיך ניט וועלגערן?
ניט קנעטען ווי ס'בעדארף צו זיין?
וואס איז מיט דיר דער מעהר?...
אפנים אז ניט גרינג האט דיך
דיין בעל הבית פערהארעוועט...
געשטאנען אפשר שעה'ן לאנג
אין „מעות חטים"-שטיבעלע
מיט „שפיכות דמים" אויסגעוויינט
דעם פודעל מעהל, דעם שווארצינקען,
פערגאסען ניט איין טרער...

———————

אויף מארגען, און דעם צווייטען טאג,
האט מען געפרופט אין מנחה צייט

ביַין אָבגעקיהלטען אויוועלע
צונויפקלייַבען די רעדעלע,
דערצעהלען זיך נאָך מעשה'לעך,
דאָך ס'האָט זיך ניט געקלעפּט.
דער צונג איז נאָך ניט קשה'דיג
דאָך ס'קלעפּען זיך די ליפּעלעך
און הענד און פיס ווי הילצערנע...
ווי שעפּסעלעך צו קוילעטע
צופאַלט מען אין די ווינקעלעך,
מיט קעפּעלעך פערוואָרפענע,
אַנ'אָטעם טאָן, אַ הראָפּע טאָן,
האָטש דריַי, האָטש צוויי מינוט.
דער „אימרוזה" אָבער שטעהט שוין דאָ
און וועקט און בעט זיך וויינענדיג!
אוי, האָט רחמנות, קינדערלעך!
אויף גיך צום טיש, אוי, ראַטעוועט,
צו „בדיקת המץ" האָבען מיר
אַ זעקלעך פינף צו ענדיגען
איהר קיילעט מיך — ניט שלאָפט:
דער עולם פאָלגט, און ביסלעכווייַז
צוקריכט מען: ווער צום טיש, צום בלעך,
צום שיסעל, צו דער מירעלע,
צום רעדעל, צו דער קאַצעלקע
עס אַרבייַט זיך, עס רודעלט זיך
דאָך פויל און מאַט און שווייַגענדיג
קיין שטיף, קיין שושק, קיין לאַך.
נור הענד אַליין בעוועגען זיך,
ווי שאָטענס, און די לעמפּעלעך
זיי פינטלען טשאַדען, רויכערן,

דער אויוועז האָט אויך אויפגעהערט
צו קנאַקען, טראַסקען, פלאַקערן —
ער האָט אַ פנים איינס געמאַכט
מיט אַלעמען — זיך איינגעמיט.
נור איינע רוהט אַרגע ניט —
דער אומרוהה, די פּאָדראַדטשיכע,
זי לויפט אַרום פון טיש צו טיש
זי מינטערט רק: נו, נו!..
היינט שלאָפט מען ניט די גאַנצע נאַכט,
דער פאַר איז מאָרגען — פריי.
דאָס וואָרט „פריי" — ווי אַ טוי־טראָפּען,
אויף בלומען דאַרע, וועלקענדע
פאַלט אויף די הערצער שמאַכטענדע
פון די פּאָדראַדנע לייט.
עס הערט זיך שוין אין געסילקע
דער ערשטער קריי: פון העהנדעלע
קו—קו—רי—קו און פּאַטשט אַליין
זיך צו: רבי הענדיל! ביז!
עס הערט זיך שוין דער צווייטער קריי,
עס בלאָזט אַ מאָרגען־ווינטעלע,
דעם וועכטערס קאַלעקאָטקעלע
אין געסיל האָט שוין אויפגעהערט
צו קלאַפּען איהר טיק־טאַק.
מען מערקט שוין דורך די פענסטערלעך
אַ בליאַסק אויף טאָג, עס ציהען זיך
צו צוויי, צו דריי, אין שול אַריין
צום ערשטען מנין אידעלעך,
באַלד ועדט מען גאַנצע קופּקעלעך
אַריין אין שול, אַרויס פון שול,

גע‏פטרט דריי מנ׳נים׳לעך...
ס׳איז לאַנג שוין גרויסער טאָג.
מען פאָהרט, מען געהט אין געסילקע,
אַרום, עס קאַלט, עס רודילט זיך,
דער לויפט די כלים פשר׳ן,
די איילט זיך עפּיס איינקויפען,
און דער — אין מאַרק פערדינען וואָס;
דאָך אין פאָדראַד איז שטיל.
די לאָמפען טשאַדען, רויכערן,
(מען האָט פערגעסען אויסלעשען
דעם פייער און זיי ברענען נאָך)
מען הערט קיין וואָרט, דאָך קלאַפּען
פאָרט,
די בלעכען און די קאַצעלקעס
מיט האַסט און אימפּעט מורא׳דיג,
די ברוסטען איינגעפאַלענע,
די באַקען איינגעצויגענע,
די אויגען מאַט און גלעזערדיג.
עס הערט זיך ניט קיין אָטעם-צוגג,
אפילו ניט קיין זיפץ.
מען קנעט, מען וואַלגערט פּיבערדיג
אין דרייען איינגעבויגענע;
די פיס קוים וואָס זיי האַלטען זיך...
אָט... אָט... די לעצטע מיירעלע...
שוין גאָר!.. די לעצטע מצה׳לעך
אַרויסגעשאַרט אין לייַלעכ׳ל
אַריינגעוואָרפען הינ׳סינקע,
ניטאָ מעהר... אוים פּאָדראַד...

ק.	ר.	
40	—	**דקדוק חדש** לילדים מתחילים מאת א. אפשטיין.
20	—	**דקטנט** תורת האורפגרפיה העברית ודקדוקה ספר עזר לתלמידים משנות הלמודים הראשונות מאת א. הירשוביץ. ח"א.
30	—	" . . . . ח"ב.
40	—	**הדבור והקריאה** אלפא בית וספר ראשון אחר האלפא בית ע"פ השטה הטבעית, עם חמש מאות ציורים גם תכניות לעבודת הכתב ותרגילי הדקדוק מאת י. ל. תמרקין. ספר ראשון.
60	—	☞ **הספר השני** (תחת מכבש הדפוס).
10	—	**המזכיר** בעד התלמידים לרשם בו בכל יום את השיעורים.
25	—	**המזכיר** הנ"ל בהוספה חלק שני (מחלקה בעד התלמידים) בכריכה.
35	—	**השפה העברית** – אלפא בית וספר ראשון שאחריו ספר למוד וקריאה ולכתיבה ע"פ שיטה הטבעית עם ציורים, מאת נ. לידסקי וד. איזנברג, חלק ראשון.
40	—	**השפה והחיים** ספר למוד ומקרא למתחילים בנקוד ובלי נקוד עם ציורים. מאת אליהו הלוי לוין.
		☞ **הריסתומתיה** למתחילים ספר למוד ומקרא למתחילים עם ציורים. מאת יהודא שטיינברג (תחת מכבש הדפוס).
90	—	**הריסתומתיה** מקוריית. מאת יהודא שטיינברג וי"ב לבנר. חלק ראשון הוצאה שלישית ומתוקנת מאושר (מטעה"מ להשכלת העם).
20	1	**הריסתומתיה** – ספר שני. מאת יהודא שטיינברג. (מאסף של טובי יצירות הסופרים העברים) לשנות הלמודים האחרונים.
80	—	**הריסתומתיה עברית** – לשנות הלמודים השלישית הרביעית. מאת נ. לוין, וא. פרידמאן (מאושר מטה"מ).
30	—	**חמר לתרגילים בכתב** – חלק א. ספר עזר לתלמידים ולמורים לעבודה והרצאה בכתב. לשנות הלמודים השניה השלישית. מאת נ. לוין.
60	—	**חמר לתרגילים בכתב** – ספר שני לשנות הלמודים השלישית הרביעית מהנ"ל.
—	—	**כתבי הקודש** – עם באור חדש ומתוקן בשם „**מקרא ומפורש**". נועדו להדרים ולבתי ספר (בשלש מהדורות עברית, זרגונית עברית ורוסית). מאת המורים הסופרים י. א. טרוביש. ד. נוטיק. נ. לוין. הנ"ך הנ"ל יצאו לאור בעשרים ספרים
40	—	**נביאים וכתובים** נדפת מחדש באותיות גדולות ובדיוק בפורמאט בג' כרכים ראשונים אחרונים כתובים כל ארך.
20	—	**ספורי החסד והצדקה** – ספר מקרא לילדים. מאת י. לבנר.

ק.	ר.	הוצאת בית מסחר הספרים של שלמה שרברק בווילנה.
—	2	**עשרים וארבעה** — באותיות גדולות (הר"ל), פארמאט 12 עם פירוש רש"י ומצ"ד. בשנים עשר חלקים. מחיר כל חלק מראשונים 15 ומאחרונים ותהלים 20 ק.
40	—	**נביאים וכתובים** — בהעתקה ושארגון ע"פ שיטת הטורים (ליענען-סיסטעם) ועם ביאור קצר בשם „בינה במקרא". יצאו לאור בחלקים, מחיר כל חלק לע"ע יצא לאור החלק הראשון יהושע.
40	—	**הנ"ל** — בהעתקה שפת רוסית.
40	—	**ענגלישער לעהרער** ספר למוד שפת אנגליא בהעתקה ושארגאנית. מאת ג. וואנעל.
25	—	**פאליטישער פרעמדווערטערבוך.** אלע נויטיגע פרעמדע ווערטער, פראַקטפאל געבונדען.
50	—	**רוסישע מעטאדע** — ספר למוד שפת רוסיא בהעתקה ושארגאנית מאת ג. וואנעל.
10	—	**רוסישער אזבוק** — מאת הנ"ל.
50	—	**שלחן ערוך מקצר** ונערך ומבאר לבתי ספר ולהדרים. דיני ישראל לכל ימי השנה, וגם **מנהגים טובים** לקוטים מתלמוד ומדרשים. ובסוף הספר הובאו ספורים בשם „חסד וצדקה". מאת י"ב לבנר (מאושר מטעה„מ להשכלת העם)
20	—	**תכניות לתרגילים בכתב** — ספר א', מתאים אל החמר לתרגילים בכתב, ספר עזר לתלמידים לעבודה בכתב לשנות הלמוד הראשונה והשניה. מאת נ. לוין.
30	—	**תכניות לתרגילים בכתב** ספר שני, לשנות הלמודים השלישית והרביעית.
20	—	**תרגילי הסגנון** — ספר עזר לתלמידים ולמורים, לעבודה והרצאה בכתב, מאת יהודה גרזובסקי וי. יהיאלציק. ספר המורה.
30	—	**הנ"ל ספר התלמיד.**

ספרי החכם יהושע שטיינבערג.

ק.	ר.	
50	3	**אוצר המלים** — רהב ידים לשפת רוסיא בתרגום עברי לכל אופני הלשון וניביה — והעתקה לשפת אשכנזית.
25	2	**אוצר מלים** קטן, רוסית בהעתקה עברית.
—	1	**חמשה חומשי התורה** עם תרגום רוסי ב"ח. בכריכה יפה 1.40
30	2	**חמשה חומשי תורה** עם תרגום רוסי ועם מבוא ולוח למקרי העתים ועם באור עברי לכתובים ובאור רוסי לעניני המדע בחקר דברי ימי הקדם, ב"ח (ח"א 1 ר', ח"ב 1 ר' 30 ק.). בכריכה יפה 2.80, בשני חלקים 3.10; פארטא 50 ק.
35	—	**ספר יהושע** עם תרגום רוסי ועם מבוא ושני באורים כנ"ל.
35	—	**ספר שופטים** עם תרגום רוסי ועם מבוא ושני באורים כנ"ל.

ק.	ר.	הוצאת בית מסחר הספרים של שלמה שרברק בוילנה.
70	—	ספר שמואל א' וב' עם תרגום רוסי ועם מבוא ושני באורים כנ"ל — כל ספר 35 ק.
85	—	ספר הזון ישעיהו עם תרגום רוסי ועם שני באורים. פארטא 15 ק. בכריכה 1 ר. בכריכה מהודרה 1.25 (פארטא ב"א 25 ק.).
—	5	משפט האורים אוצר אנציקלופדיי ללשון הקדש רחב ידים, מתרגם המלים ברוסית ואשכנזית (יכיל 864 עמודים מלבד המבוא) בכריכה יפה 5.60, פארטא 50 קאפ.
80	—	מערכי לשון עבר — פארטא 10 קאפ.
40	—	ספר חזון הסיבילות למשוררי היהודים ההלנים. פארטא 6 ק.
50	—	תורת שפת הקדש בשפה הרוסית עם מאמרים להתחנך בתרגומים לעברית. פארטא 6 קאפ.
50	—	תלמוד לשון ארמית בשפת רוסיה עם מאמרים להתרגל בה היטב. פארטא 6 קאפ.

Книгоиздательство З. Ш. СРЕБЕРКА Вильна.

פערלאַג-בוכהאנדלונג ז. ש. שרעבערק ווילנא

ס'איז ארויס פון דרוק:

1) אין שטראם פון לעבען,

ערציילונגען פון יודישען לעבען אין אמעריקא פון דעם בעריהמטען ענגלישען שריפטשטעלער ה. ארדיטשעוו. (געשריבען פון איהם אליין אין יודיש) פרייז 70 קאפ. פארטא 10 קאפ.

2) מענשען-ליעבע.

אַ קאָמעדיע אין 1 אַקט פון לעאניד אנדרייעוו. אין יודיש בעאַרבייט פון י. פיראָזשניקאָוו, פרייז 25 ק. פאָרטאָ 4 ק.

3) דער האמער פון לעבען,

אַ פיעסע אין 4 אַקטען פון בעריהמטען אַרטיסט מארק מייער-סאן פרייז 30 קאָפ. פאָרטאָ 4 קאָפ.

4) פאליטישע פרעמד ווערטער-בוך,

אין פראַכט-באַנד 25 ק. פאָרטאָ 4 קאָפ.

Книгоиздательство З. Ш. СРЕБЕРКА Вильна.

עס ווערט אנגענומען דאס אבאנעמענט אויפ'ן מא-נאטליכען זשורנאל: „לעבען און וויסענשאפט", רעד. דורך ש. הורוויץ (וויסענש. אבט.) און ד"ר י. בלומשטיין.

די דאזיגע מאנאטשריפט איז בעשטימט פאר דעם ברייטען אידישען לעזע-פובליקום און האט די אויפגאבע צו ענטוויקלען ביי דעם אידישען לעזער, איבערהויפט ביי דער יוגענד, א פראגרעסיווע וועלטאנשויאונג און א שטרעבונג צו בילדונג און זעלבסטערציהונג. דער זשורנאל וועט זיך מיהען צו בעלייכטען פאר זיינע לעזער די וויכטיגסטע פראגען פונ'ם אידישען און אלגעמיינעם לעבען און וועט בעשטעהן אויס פאלגענדע אבטיילונגען: 1) בעלעטריסטיק (ערצעהלונגען, דראמען, שירים) — אריגינעלע און איבערזעצונגען פון דער בע-סטער קלאסישע וועלט-ליטעראטור; 2) פובליציסטישע און וויסענשאפטליכע ארטיק-לען; 3) מאנאטליכע איבערזיכטען איבער וויכטיגע פאסירונגען אין אידישען און אלגעמיינעם לעבען; 4) קריטיק און ביבליאגראפיע; 5) שפרעכזאל — פאר בריעף פון די לעזער און אנטווארטען פון דער רעדאקציע.

דער זשורנאל „לעבען און וויסענשאפט" איז א פערזוך צו ערזעצען דעם מאנגעל אין דער אידישער פעריאדישער ליטעראטור פון אנ'ארגאן פאר זעלבסט-ערציהונג און זעלבסט-בילדונג פאר דער אידישער יוגענד, וואס האט ניט געהאט די מעגליכקייט צו בעקומען סיסטעמאטישע בילדונג אין די קינדער יאהרען. דער זשורנאל וועט שטרעבען צו ענטפערן אויף פערשיעדענע פראגען, וואס בעווי-גען אין אונזער צייט דעם יונגען אידישען לעזער, אלס איד און מענש.

די רעדאקציע פון „לעבען און וויסענשאפט" ווייס, אז די דאזיגע אויפגאבע איז א שווערע. זי האפט אבער אויף דער סימפאטיע און מאראלישע שטיצע פון די בעסערע אידישע שריפטשטעלער און אלע פריינד פון אויפקלערונג פאר דער אידישער יוגענד.

דער זשורנאל „לעבען און וויסענשאפט" וועט קאסטען:

דריי רובל יעהרליך, 1,50 האלב-יעהרליך און — 80 קאפ. פיערטעל-יעהרליך. איינצעלבאנד — 25 קאפ.

די יעהרליכע און האלב-יעהרליכע אבאנענטען בעקומען אלס פרעמיע די ווערק פון פאלגענדע אידישע קלאסיקער: 1) אלע ווערק פון י. ל. פרץ, אין צוויי גרויסע בענדער, נייעסטע אויפלאגע, פרייז 2 רובל — פאר 1 רובל. 2) צוויי פראכט-בענדער פון „שלום-עליכם", נייעסטע יובילעאום-אויסגאבע, פרייז 2 רובל — פאר 1 רובל. 3) צוויי בענדער פון א. רייזען, פראכט-אויסגאבע, פרייז 2,50 — פאר 1 רובל. פארטא פאר יעדע פרעמיע 50 קאפ.; פאר צוויי פרעמיעס — 75 קאפ. פאר אלע דריי — 1 רובל. די אבאנענטען, וואס נעהמען אב די פרעמיעס דירעקט פון ז. ש. שרעבערק (ווילנא, סטעפאנ-גאס, 6) און י. לידסקי (ווארשא נאלעווקע, 36.) צאהלען ניט פאר פארטא.

אדרעס פון דער רעדאקציע:

Редакція „ЛЕБЕНЪ унъ ВИСЕНШАФТЪ" Вильна.

פרייז 12 קאפ.

אדרעס פונ'ם פערלאג:

Книгоизд. „ЛЕБЕНЪ УНЪ ВИСЕНШАФТЪ“

Вильно Стефановская, 6.